STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04130

# DER HAFETS-HAYIM ZATSAL

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# דער
# „חפץ־חיים" זצ"ל

## ביאָגראפיע, דברי תורה, משלים
## און מעשיות פון זיין לעבן

אַרויסגעגעבן דורך:
„מרכז הקבוצים פועלי אגודת ישראל" אין דייטשלאנד

אַדרעס פון פאַרלאַג „פא"י" קיבוץ „חפץ חיים" לאַנדסבערג, בל. 4 וו. 100

Editor: Sz. Benisz, Published By: P. A. J. Kibutz „Chafetz - Chaim"
Camp Landsberg (Germany) bl- 4/100

# אינהאַלט


1) בילד פון „חפץ חיים“ זצ״ל — זייט 1

2) צו אונדזערע חברים (פאַרלאַג) — „ 2

3) הקדמה פון מ. גרינשטיין — „ 3

4) ביאָגראַפיע פון „חפץ חיים“ זצ״ל פון דוד אַדלער — „ 5

5) דברי תורה, גוטע ווערטער, משלים, פון „חפץ חיים“ זצ״ל געקליבן און איבערזעצט פון שמעון בעניש — זייט 9

6) אויפרוף פון „פועלי אגודת ישראל“ — „ 16

7) פון פאַרלאַג

מי האיש החפץ חיים
אוהב ימים לראות טוב...
(תהלים ל"ד)

תקצ"ט — תרצ"ג
מרן ר' ישראל מאיר הכהן זצוק"ל מרדין
**בעל „החפץ־חיים"**

# צו אונדזערע חברים!

מיט דער דאָזיקער בראָשור טרעטן מיר צו אַרויסצוגעבן אַ פּעריאָדישע אויסגאַבע, וועלכע זאָל זיין געווידמעט דאָס לעבן פון אונדזערע גדולים און זאָל אויך באַהאַנדלען די אינטערעסן און פּראָבלעמען פון רעליגיעזן אַרבעטער־לעבן.

מיר זיינען זיכער דאָס די חברים וועלן ווי געהעריק אָפּשאַצן די וויכטיקייט פון אונדזער אַרבעט. נעמענדיק דערצו אין באַטראַכט די שוועריקייטן וואָס זיינען דערמיט פאַרבונדן.

און שוועריקייטן זיינען דאָ גרויסע. מאנגל אין מאַטעריאַל. מאַנגל אין דרוק און די הויפּט־זאַך — מאַנגל אין קרעפטן. אָבער מיר האָבן דורך עקשנות־דיקע אַרבעט אַלעס איבערוויינד. פאַר אונדזערע אויגן איז געשטאַנען דער גרויסער דורשט נאָך רעליגיעזער ליטעראַטור אויף דער יידישער גאַס. די גרויסע בענקשאַפט פון יעם יידישן יונגנטלעכן נאָך אַ וואָרט פון התחזקות און דערמונטערונג.

און כאָטש מיר זיינען באַשטימט ניט באַרופן דערצו, האָבן מיר זיך דאָך געזען געצוווּנגען צו נעמען צו דער דאָזיקער פאַראַנטוואָרטלעכער אַרבעט.

מיר פאַרלאַנגען פון קיינעם קיין דאַנק ניט. דער בעסטער דאַנק וועט זיין פאַר אונדז, ווען איר חברים וועט זיך באַמיען אונדזערע אויסגאַבן וואָס מער צו פאַרשפּרייטן.

וואָס מיר פאַרלאַנגען איז, מאָראַלישע מיטהילף!

פ א ר ל אַ ג

אב״ד

# הקדמה

„אין עושין נפשות לצדיקים
דבריהם הן הן זכרונם“.

מיר יידן שטעלן ניט קיין שטיינערנע מאָנומענטן און מאַרמאָרנע דענק־מעלער פאַר אונדזערע מנהיגים און צדיקים. די גדולי ומאורי ישראל זיינען פאַר אונדז אומפאַרגעסלעך און פאַרבלייבן לזכרון עולם דערמיט. וואָס מיר לערנען, שטודירן און פאַרווירקלעכן זייערע ווערק, שאַפונגען און אידייען. דבריהם הן הן זכרונם.

אויף דעם מאַמר „יעקב אָבינו לא מת“ פרעגן די חז״ל „וכי בחנם חנטו חנטיא וספדו ספדיא“, האָבן דען די קלאָגערס אומזיסט מספיד געווען אונדזער פאָטער יעקב.

מיר ווילן פאַרשטיין דעם אינהאַלט פון דאָזיקן מאמר אין דעם זין: „יעקב אָבינו לא מת“ ער בלייבט פאַר אונדז אומשטערבלעך — ווייל ותחי רוח יעקב אַביהם. דער הייליקער גייסט פון גרויסן פאָטער שוועבט און באַשטראַלט אונדז. זיינע קינדער די שבטי י־ה האָבן געשפינען די קייט פון מסורת האָבות. איבערגעגעבן און פאַרשפרייט זיין הייליקע לערע פון דור צו דור.

מיר יידן ווערן גערופן „עם הספר“, ווייל אונדזער אַנטשטייאונג אַלס פאָלק דאַטירט זיך פון דעם „וירד ה על הר סיני“ אָן.

דער אַקט פון קבלת התורה האָט אונדז אַלס זעלבסטשטענדיק פאָלק קאָנסטאַנטירט.

„היום הזה נהיית לעם“ — דורך דער תורה איז געשאַפן געוואָרן דאָס יידישע פאָלק, דער וואָס איז באַקאַנט און דער פעלקער געשיכטע, ווייסט. אַז ביי אַנדערע פעלקער האָט דאָס פאָלק די רעליגיע געשאַפן. די וועלט איז געווען איינגעהילט אין געצנדינערייי, פרימיטיווע און ווילדע געזעצן האָבן רעגולירט דאָס דאַמאָלסדיקע געזעלשאַפטלעכע און מלוכהשע לעבן. עס האָבן געהערשט די געזעצן פון „עין תחת עין“ אין פשוטן זין פון וואָרט. און דעריבער ווען זיי האָבן געפילט אין זייער לעבן אַן אומצופרידנהייט געלעכצט נאָך אַ שענער

און בעסער לעבן, איז געשאַפן געוואָרן די רעליגיע, וועלכע דאַרף צוימען די ווילדע אינסטינקטן. עס הייסט: דאָס פאָלק האָט די אמונה געשאַפן.

מיר יידן האָבן די תורה נים געשאַפן. די תורה האָט געשאַפן דאָס יידישע פאָלק. די ספרים־שאַנק איז אייביק ביי אונז געווען דער הייליקער גייסטיקער אוצר. די גדולי התורה זיינען געווען די וועג־ווייזער פון יידישן פאָלק. די רעפלעקטאָרן וועלכע האָבן באַלויכטן דעם אזוי אייביק פאַרחושכטן יידישן גלות־האָריזאָנט. זייערע תורה־שטראַלן האָבן אונז געוואַרמט, געטרייסט און דערמוטיקט אין אַלע צייטן.

מיט דער שקיעה פון אייראָפּעאישן יידנטום. מיט דעם חורבן האומה זיינען אויך אומגעקומען אויף די מזבחות דאָס שענסטע און בעסטע פון אונדזער פאָלק, די קברניטי ומדברנא דאומתא. די גייסטיקע ריזן וועלכע זיינען געווען פאַר אונז דער מקור מים חיים דער שפרודלדיקער און אומדערשעפּלעכער תורה קוואַל.

ביים היינטיקן מאָמענט ווען מיר, די יידן פון דער שארית הפליטה זיינען אזוי טיף דערשיטערט און צעבראָכן, געבליבן פאַראיינזאַמט און פאַרצווייפלט, דאַרפן מיר געדענקן אין דעם „אין אומרים דברי׳ו של מת אלא בפני המת". ווען זיי, די גבורי האומה וואָלטן צווישן אונז געווען, וואָס וואָלט דאַמאָלס געווען זייער ווונטש און פאַרלאַנג פון אונדז?

דער צוריקקער צום מקור, צו דער הייליקער תורה.

לאָמיר דעריבער אָפּהיטן די דאָזיקע צוואה, זאָלן די תורה ליכט אונז לייכטן און וואַרעמען אין דער טרויעריקער תקופה וועלכע מיר לעבן איצט איבער.

זאָל די לערע פון אונדזערע מנהיגים זיין פאַר אונדז אַ הייליקע צוואה, וועלכע מיר מוזן דערפילן.

משה גרינשטיין.

# ביאָגראַפיע פון „חפץ חיים" זצ"ל

צוטרעטנדיק אַרויסצוגעבן אַן אויסגאַבע, וועלכע זאָל אַנטהאַלטן סיפורים און ביאָגראַפיעס פון גדולי ישראל און זאָל דינען דער פועלי־אַגודיסטישער באַוועגונג אין דייטשלאַנד. און אירע קיבוצים „חפץ חיים" און „אוהל שרה", האָבן מיר געפונען פאַר ריכטיק דעם 1־טן נומער צו ווידמענען דעם אָנדענק פון דעם אומפאַרגעסלעכן גאון פון אונדזערע לעצטע צייטן, דעם בעל „חפץ חיים" זצ"ל, אויף וועמענס נאָמען עס רופן זיך אונדזערע מענער־קיבוצים אין דייטשלאַנד ווי אויך אַ פועלי־אַגודיסטיש דאָרף אין ארץ ישראל.

ווייל ניט קיין צופאַל איז עס, דאָס גראָד דעם נאָמען „חפץ חיים" האָבן מיר אויסגעקליבן אַלס סימבאָל פאר אונדזער חלוצישער באַוועגונג.

נאָך די 6 יאָר פון גייסטיקער דעגענעראַציע, 6 יאָר פון איינזאַפן אין זיך אַזויפיל אוממאָראַלישעס אַזויפיל אוממענטשלעכעס האָבן מיר פאַר אונדזער יוגנט, וועלכע האָט אָנגעהויבן שטעלן אירע שריט פון התחדשות געמוזט געפינען אַ סימבאָל, אַן אידיי, וועלכע זאָל מיט איר העלקייט און ערלעכקייט איבערצייגן און צוציען.

און טאַקע דערפאַר האָבן מיר אויסגעקליבן דעם נאָמען „חפץ חיים", דעם נאָמען פון אָט דעם מענטשן, וועלכן מיר אַלע האָבן געקענט, פון וועמען מיר אַלע האָבן געהערט, און וועמענס ערלעכקייט און אויפריכטיקייט האָט אַרויסגערופן פאַרערונג און פאַרוואונדערונג צוגלייך אין אַלע קרייזן פון דער יידישער באַפעלקערונג און פון דער גאַנצער וועלט.

אונדזער ציל איז צו דערציען די יוגנט פון אונדזערע קיבוצים אין גייסט פון אונדזער גרויסן רבין דעם „חפץ חיים". מיר ווילן, אַז אונדזערע חלוצים ווי אויך די חברים פון „פועלי אַגודת ישראל" זאָלן זיך אַראָפנעמען אַ בילד פון אָט דעם גרויסן פאָלקסטימלעכן ייד פון זיין פשטות, פון זיין ערלעכקייט, פון זיין תמימותדיקייט, פון זיין אהבת ישראל, פון זיין אַהבת התורה און פון זיין אַהבת המקום.

אָבער נאָך איינס באַצוועקן מיר מיט אונדזערע קיבוצים „חפץ חיים", מיר ווילן דער יידישער גאַס, וועלכע האָט אַזוי ביטער אַנטוישט אין אַלע איזמען און אויך אין דעם סאָציאַליזם וועלכע האָבן געזאָלט דער גאַנצער מענשהייט און אויך דעם יידישן פאָלק ברענגען פרייהייט און גליק, ווילן מיר אַקעגנשטעלן אַ טיפ פון אַ יוגנטלעכן דערצויגן אין גייסט פון סאָציאַלן יושר פון אונדזער תורה, וועלכעס האָט אַזוי זיך אָפגעשפיגלט אינעם טאָג־טעגלעכן לעבן פון „חפץ חיים". און זאָל זיך (די יידישע גאַס) פאָרשטעלן אַ יידיש לאַנד געבויט פון אַזאַ יוגנט און פון אַזאַ גייסט.

יידישער יוגנטלעכער!
זיי זיך מכשיר צו דיינע אויפגאַבן אין ארץ ישראל. שטודיר. דרינג אַריין און לערן פון דעם לעבן און טעטיקייט פון אָט דעם גרויסן ייד.

* * *

דער „חפץ חיים" איז געבוירן געוואָרן אין יאָר תקצ"ט אין אַ קליין שטעטל אין סלאָנימער קרייז.

באַלד אין זיינע יוגנט־יאָרן האָט זיך דער קליינער ישראל מאיר. דער שפּעטערדיקער „חפץ חיים", אויסגעצייכנט מיט זיין לומדות, התמדה און חריפות. ווי אויך מיט זיין פשטות תמימות און ערלעכקייט. באַלד האָט די גאַנצע געגנט אָנגעהויבן ריידן וועגן דעם וואונדערלעכן קינד פון דעם קליינעם שטעטל נעבן סלאָנים.

פון טאָג־צו־טאָג איז געוואַקסן זיין לומדות און בקיאות אין אַלע קע־מערלעך פון דער תורה. גלייכצייטיק דערמיט. איז ביי אים אויך געוואַקסן און זיך אַנטוויקלט דאָס מענטשלעכע געפיל אין זיינע מדות. פון זיינע מעשים און פון זיינע באַציאונגען צו אַ צווייטן ווערן שוין פון יענער צייט דערציילט לעגענדאַרע מעשיות. פון וועלכע מיר גיבן איבער אין צווייטן טייל פון אונדזער בראָשור.

זייענדיק אַלט 14 יאָר צייט. איז אים געשטאָרבן זיין פאָטער דער גרויסער גאון רבי אַרי' זאב הכהן זצ"ל און ער איז געוואָרן אַ קיילעכדיקער יתום. דער טויט פון זיין געטרייען פאָטער האָט אים שטאַרק דערשיטערט. אָבער ער האָט זיין טרייסט געזוכט אין דער תורה הקדושה. ער איז אַריבערגעפאָרן קיין ווילנע און מיט נאָך מער התמדה פאָרטגעזעצט דאָס לערנען. אין אָט די יאָרן האָט ער טאַקע זייער פיל דערגרייכט און געשטיגן אין לערנען.

צו 17 יאָר האָט ער חתונה געהאַט און זיך באַזעצט אין ראַדון. דער יונגער ישראל מאיר איז שוין דאַמאָלס געוואָרן באַרימט אין גאַנץ פוילן און פיל גרויסע שטעט האָבן אים אָנגעבאָטן דעם רבנות פאָסטן. ער האָט זיך דערפון קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט זייענדיק טריי דעם ושנא את הרב־נות. חיונה האָט ער געצויגן פון דעם קליינעם געוועלבל. וואָס ער האָט זיך געעפנט אין ראַדון.

זיין מאָנומענטאַל ווערק, דאָס ספר „חפץ חיים" אויף וועמענס נאָמען ער ווערט אָנגערופן. האָט ער אַרויסגעגעבן צו 30 יאָר. דאָס ספר האָט ער געווירמעט דעם ענין פון שמירת הלשון: ריינקייט פון דער שפּראַך און היי־ליקייט פון מויל. געבויט אויף דעם פסוק: „מי האיש החפץ חיים... נצור לשונך מרע ושפתיך מדבר מרמה".

געזען האָט דער „חפץ חיים" אַז דער ענין פון לשון הרע ווערט זייער פאַרנאַכלעסיקט זאָגאַר אין דער רעליגיעזער יידישער גאַס. האָט ער דעריבער מחבר געווען דאָס ספר און דאָרט אויפגעוויזן ווי גרויס עס איז דער חטא

פון ריידן לשון־הרע און ווי אַזוי מען דאַרף זיך דערפון פאַרהיטן. דאָס האָט אים אַזוי באַריכט געמאַכט צווישן די גדולי ישראל, כאָטש דער נאָמען פון מחבר איז נאָך דאַמאָלס נים געווען באַקאַנט. אָבער ער איז נים געווען בלויז אַ נאה דורש. נאָר ער אַליין איז געווען דאָס לעבעדיקע בילד פון זיין ספר אויף שמירת הלשון.

די אַלזייטיקייט פון זיין פערזאָן און דעם טיפן בליק וואָס ער האָט געהאַט אויף דעם יידישן לעבן, באַווייזן אויך זיינע ספרים וועלכע ער האָט מחבר געווען אין די שפּעטערדיקע יאָרן. און וועלכע נעמען אַרום אַלע אָנגעווייטיקטע פּראָבלעמען אין דעם רעליגיעזן לעבן ווי צ. ב. זיין הלכה ספר „משנה ברורה“, וואָס קלערט אויף אַלע פאַרוויקלטע הלכה שע פּראָבלעמען און איז מיט דער צייט אָנגענומען געוואָרן אין דער רבניש־הלכה שער וועלט אַלס פּוסק־אחרון.

זיין ספר „אהבת חסד“, וועלכעס איז געווידמעט די מדות פון בין אדם לחברו ווו ער וויל ביים יידישן פאָלק דערוועקן די גרויסע אהבה פון איינעם צום אַנדערן און די ברודערלעכע באַציאונג פון מענטש צו מענטש און פון וועלכן ער אַליין איז געווען דער לעבעדיקסטער סימבאָל. זיין ספר „מחנה ישראל“, ווו ער גיט דעם יידישן זעלנער אין די פאַרשידענע אַרמייען די געהעריקע אָנווייזונגען ווי אַזוי זיי האָבן זיך צו פירן, און ביז היינט ליגט נאָך מיר אין זכרון, ווי יעדער איינער רעליגיעזער יונגטלעכער בעת ער איז געגאַנגען דינען אין דער אַרמיי האָט זיך באַוואָרנט מיט אַט דעם ספר. און ער האָט מחבר געווען נאָך אַנדערע אומצייליקע ספרים.

גרויס איז אויך געווען זיין טעטיקייט פאַר חזוק הדת און הרבצת התורה. ער האָט מיסד געווען אין פוילן אַ סך ישיבות און חדרים. ספּעציעל איז געווען זיין ישיבה אין ראַדון, וועלכע האָט אַרויסגעגעבן פון זיך טויזנטער גדולי התורה און מורי הוראה בישראל. באַקאַנט איז אויך די אינטערוויענץ, וואָס ער האָט צוזאַמען מיטן גערער רבין שליט"א אַדורכגעפירט ביי דעם פוילישן פּרעמיער־מיניסטער ווען מען האָט געוואָלט אַרויסגעבן אַ שווערע גזרה אויף די פוילישע חדרים. וועלכע האָט אויך געהאַט דעם געהעריקן דערפאָלג.

אַ באַזונדער קאַפּיטל פאַר זיך איז דער „חפץ חיים“ און דער אגודת ישראל.

באַלד ביי דער אַנטשטייאונג האָט ער זיך געשטעלט אין די פאָדערשטע רייען און מיט אַלע מעגלעכקייטן מיטגעהאָלפן צו איר פאַרברייטערונג.

ער האָט גלייך אַרויסגעלאָזט אַ פלאַם פייערדיקן רוף צו אַלע רעלי־גיעזע יידן, זיי זאָלן זיך אָנשליסן אין דער אגודה אום דער מיט צו שאַפן אַ פעסטע מויער קעגן דער איינברעכנדיקער פּרצות און הפקרות ער האָט אָנטיילגענומען אין אַלע כנסיות פון אגודת ישראל און פאַרנומען דעם אַמט פון יושב־ראש אין דער מועצת גדולי התורה, זייט איר אַנטשטייאונג ביז צו

זיין פטירה, איין זאך קען פעסטגעשטעלט ווערן, דאס אויב אגודת ישראל האט אין דעם פארמלחמה׳דיקן ליטע און פוילן געהאט אזא כוח, איז עס פיל צו פארדאנקען דער השפעה פון חפץ חיים זצ״ל.

אין יאר תרפ״ת האט זיך דער חפץ חיים זצ״ל גענומען גרייטן צו פארן קיין ארץ ישראל. כאראקטעריסטיש איז די געזעגנונגס רעדע וואס ער האט דאמאלס געהאלטן צו די איינוווינער פון זיין שטאט. ווי ער האט געזאגט צוו. אנד.

„איך בין א לאנגע צייט געווען ביי אייך א געוועלבער, טאמער האב איך אייך קיין ריכטיקע מאס ניט געגעבן. אדער טאמער איז אמאל מיין הין אריין אין א גארטן פון איינעם פון אייך און געמאכט אים א געלט־שאדן, און דער דין איז דאך ווען איינער האט עפעס געגזלט און ווען ער ווייסט ניט וועמען עס אפצוגעבן. זאל מען די גזילה פארקויפן און דאס געלט פאר־ווענדן אויף צרכי רבים ד.ה. אויף א זאך, וואס א רבים קענען דער פון הנאה האבן. דעריבער גיב איך רשות פאר אלע איינוווינער פון מיין שטאט, דאס עס איז זיי דערלויבט צו שעפן וואסער פון מיין ברונעם און איך גיב אויך א געוויסער באשטייערונג פאר דער שטאטישער גמילות־חסדים קאסע.

אט די ווערטער גיבן שוין א קלאר בילד וועגן דער ערלעכקייט און אויפריכטיקייט פון זיין פערזאן. גרויס איז געווען די צערודערונג פון די בעלי־בתים צוליב זיין ווילן אפפארן, אבער נאך גרעסער אין געווען זיין תשוקה צו זעען דאס הייליקע לאנד, דארט צו ווינען און דארט צו שאפן. פון הימל האט מען אבער אנדערש געוואלט. פונקט אזוי ווי דער ערשטער יידישער פירער משה רבינו האט ער דאס לאנד ניט געדארפט איבערטרעטן. דורך פארשיידענע שטערונגען איז ער געצוואונגען געווען צו פארבלייבן אין פוילן.

אבער ניט באדארפט האט אויך די גרויסע נשמה צו זעען דעם חורבן פון דעם יידישן פאלק און אין יאר תרצ״ג איייניקע יאר פאר דער קאטא־סטראפע. איז ער אין עלטער פון 93 יאר נפטר געווארן.

* * *

היינט 13 יאר נאך זיין פטירה ווען עס זיינען פון אונדז אוועקגענומען געווארן כמעט אלע גדולי ישראל און כמעט אלע תורה־אויטאריטעטן לייכט פאר אונדז מיט א באזונדערער קלארקייט די הימלישע געשטאלט פון ר׳ ישראל מאיר הכהן זצ״ל בעל החפץ חיים. און מיר די יוגנט וועלכע גרו־פירן זיך אין די קיבוצים „חפץ חיים“ ווילן ביי אט די העלישקייט ביי אט דעם הייליקן פייער דערוואַרעמען אונדזערע איינגעפרוירענע נשמות.

ד ו ד א ד ל ע ר.

## דער „חפץ חיים“ אַלס קינד

איינמאָל האָט זיך ביי אַ מאַרק־הענדלערין אויסגעשיט אַ קויבער עפּל אויפן מאַרק. חברה קינדער זיינען צוגעלאָפן און צעכאַפּט די עפּל. דער קליי־נער ישראל מאיר, וועלכער איז ערשט שפּעטער באַקאַנט געוואָרן אַלס דער בעל החפץ חיים אין אויך צוגעלאָפן און געכאַפּט עטלעכע עפּל.

אין אַ צייט אַרום ווען ער האָט געלערנט חומש אין חדר האָט דער רבי מיט אים געלערנט — לא תגנוב — מען טאָר ניט גנבענען — לא תחמוד — מען טאָר ניט גלוסטן צו יענעמס. האָט ער זיך דערמאָנט אין דער מעשה און האָט געהאַט גרויס פאַרדרוס. וואָס האָט ער געטאָן? ער איז צוגעגאַנגען צו דער מוטער און געבעטן עטלעכע קאָפּיקעס. דאַן איז ער אַרויסגעגאַנגען אויף דעם מאַרק און אויפגעזוכט די הענדלערין און פאַר די עטלעכע קאָפּיקעס געקויפט ביי איר עטלעכע עפּל. נאָכן באַצאָלן איר, האָט ער די עפּל צוריק אַריינגעוואָרפן אין קויבער אַריין און שנעל אַנטלאָפן.

* * *

אין זיין געבורטס־שטעטל איז געווען אַ וואַסער־טרעגער. וועלכער ווי דער שטייגער איז געווען האָט ביינאַכט די עמערס געלאָזט שטיין אינדרויסן פאַר דער טיר.

די קינדער פון דער שטאָט, וועלכע האָבן ליב געהאַט אָפּצוטאָן שפּיצלעך פלעגן ביינאַכט אָנגיסן די עמערס מיט וואַסער בכדי, אַז ווען דער וואַסער־טרעגער וועט אינדערפרי אויפשטיין זאָלן די עמערס זיין פאַרפרוירן. דער קליינער ישראל מאיר האָט רחמנות געהאַט אויף דעם וואַסער־טרעגער און יעדער נאַכט פלעגט ער אויפשטיין פון געלעגער און אויסגיסן דאָס וואַסער. ניט די קינדער און ניט דער וואַסער־טרעגער האָבן דערפון געוווּסט.

## דער „חפץ חיים“ אלס סוחר

ווי באַקאַנט האָט דער חפץ חיים ניט געוואָלט אָננעמען קיין רבנות־אַמט. נאָר ער האָט געלעבט פון זיין קליין געוועלבל. און אויך ביי דער קאַרגער פּרנסה האָט ער געזעען מצמצם צו זיין דאָס האַנדלען.

ווען ער האָט שוין געהאַט אויף דעם טאָג פּרנסה פלעגט ער צו־שליסן דאָס געוועלב און דערביי זאָגן: איך האָב שוין ב״ה פאַרדינט אויף היינט, איצט זאָל אַן אַנדערער ייד לייזן און פאַרדינען.

## חשש גזל רבים

איינמאָל ווען דער חפץ חיים איז אַוועקגעפאָרן פון דער היים, האָט די פרוי רעמאָנטירט די וווינונג און גלייכצייטיק פאַרריכט די טרעפּן. וואָס האָבן געפירט פון דער גאַס צו דער שטוב.

ווען ער אין צוריקגעקומען און דערזעען. אַז די טרעפּן זיינען פאַר־ברייטערט געוואָרן און פאַרנעמען אַ טייל פון טראָטואַר האָט ער ניט

געוואָלט אַריינגיין אין הויז מאָטיווירנדיק, דאָס ווייל ס'איז דאָ אַ חשש גזל הרבים דערמיט, וואָס די טרעפּן פאַרנעמען אַ טייל פון טראָטואַר, וועלכער געהערט צו דעם רבים.

ערשט ווען מען האָט די טרעפּן איבערגעמאַכט אזוי ווי זיי זיינען פריער געווען איז ער אַריינגעגאַנגען אין שטוב.

* * *

ווען דער חפץ חיים האָט באַזאָרגט אַ בריוו דורך אַ געלעגנהייט מיט אַ שליח, פלעגט ער קויפן אַ פּאָסט־מאַרקע און זי צערייסן בכדי ניט אויסצובּרענגען דער מלוכה־פּאָסט.

* * *

איינמאָל איז דער חפץ חיים געווען אין אַ שטעטל נעבן ראַדון און געשיקט אַ בריוו צו זיין פרוי דורך די פורמאַנעס. דערביי האָט ער זיי געבעטן, אַז זיי זאָלן דעם בריוו שנעל באַזאָרגן, ווייל ער איז זייער וויכטיק און דרינגענד.

די פורמאַנעס זיינען געווען נייגעריק צו וויסן די וויכטיקייט פון חפץ חיים'ס בריוו. האָבן זיי אים געעפנט ווי איבערראַשט זיינען זיי געוואָרן ווען זיי האָבן געלייענט און געזעען ווי אַזוי דער חפץ חיים וואָרנט זיין פרוי אַז זי זאָל אַכטונג געבן אויף זייער איינציקע קו זי זאָל ניט עסן פון די וועגן היי וואָס די פויערים פירן דורך דער שטאָט ווייל אַ גוי איז כיטרע (מקפיד) אויף אַ פחות משוה פרוטה און דעריבער איז פאַראַן אַ חשש גזל.

דאָס איז געווען דאָס וויכטיקסטע אין חפץ חיים'ס בריוו.

* * *

ווען דער חפץ חיים האָט געלאָזט דרוקן זיין הלכה־ספר „משנה ברורה“ אין וואַרשע, האָט ער פאַרברענגט פיל צייט אין דער דרוקעריי און אַליין קאָרעגירט די אָפּגעדריקטע טיילן פון ספר. איין מאָל איז אַריינגעקומען אַ געוויסער רב אין דער דרוקעריי און האָט באַמערקט ווי דער חפץ חיים איז זייער באַזאָרגט. ווען ער האָט אים געפרעגט די סיבה פון זיין באַזאָרגטקייט, האָט דער חפץ חיים אים געוויזן עטלעכע קונטרסים (העפטן) מיט פאַרשיידענע פעלערן און גרייזן. דער רב האָט געפרוווט אים צו באַרואיקן אַז עס איז ניט קיין גרויסער שאָדן און וועלכן מען קען אויסבעסערן. דערויף האָט אים דער חפץ חיים געענטפערט, אַז ניט אין שאָדן גייט עס אים. נאָר ער האָט מורא, אַז ווען דער אייגנטימער פון דער דרוקעריי וועט זיך דער פון דער־וויסן, וועט ער אָפּזאָגן דעם זעצער פון פּאָסטן און ער איז דאָך אַ טאַטע פון עטלעכע קינדער.

דער חפץ חיים האָט זיך פריער ניט באַרואיקט ביז דער אייגנטימער האָט אים צוגעזאָגט, דאָס ער וועט דעם זעצער ניט באַשטראָפן.

* * *

# דברי תורה פון „חפץ חיים“

„אחת שאלתי מאת ה' אותה אבקש. שבתי
בבית ד' כל ימי חיי... (תהלים כ"ז).

איינגנטלעך איז דאָך שווער, — שאלתי — איז דאָך עבר איך האָב געבעטן און — אבקש — איך וועל בעטן איז דאָך עתיד.

נאָר דער מענטש בײַם שטענדיק זיינע אַספּיראַציעס און פאַרלאַנגען. פון אָנפאַנג וויל ער נאָר פּרנסה, האָט ער שוין פּרנסה וויל ער עשירות. האָט ער עשירות אויך, וויל ער כבוד. מאַכט א. ד. גל. און וואָס ווייטער אַלץ גרעסערע פאַרלאַנגען האָט ער.

דוד המלך אָבער פון דער יוגנט ביז אין דער עלטער האָט געהאַט נאָר איין פאַרלאַנג. „שבתי בבית ד'“. און דאָס זאָגט ער „אחת שאלתי“ איינס האָב איך פאַרלאַנגט אין דער יוגנט ווען איך בין נאָך געווען אַ שעפּסן־פּאַסטוך. און „אותה אבקש“ דאָס וויל איך בעטן אויף דער עלטער ווען איך בין שוין אַ מלך „שבתי בבית ד כל ימי חיי“.

* * *

„ולא תתורו אחרי לבבכם... ועשיתם
את כל מצותי“ (במדבר א' ו)

איר זאָלט נישט גיין נאָך די. וואָס זאָגן. אַז דער עיקר איז דאָס האַרץ און אַזוי ווי אין האַרץ קען קיינער נישט אַרייקוקן זאָגן זיי, דאָס זייער האַרץ איז ריין. אין דאָס איז אַ תירוץ אויף זייערע נישט־ריכטיקע מעשים.

ניין, דער עיקר איז „ועשיתם את כל מצותי“. דאָס טאָן. די פּראַקטיק איז דער עיקר.

און דאָס איז איינגנטלעך דער וועזנטלעכער אונטערשייד צווישן די תורה דיקע אויפפאַסונג און די נישט־יידישע אויפפאַסונג. דער קאָנטראַסט צווישן גוטן ווינטש און ווירקלעכקייט, צווישן טעאָריע און פּראַקטיק. עס איז נישט קיין קונץ צו פּרעדיקן שיינע אידעאַלן און די מעשים זיינען אַ פאָלקאָמע סתירה צו זיי. בײַ אונדז יידן איז דער עיקר די פאַקטישע פאַרווירקלעבונג פון די „מצוות“.

גוטע געדאַנקען האָבן נאָר דאַן אַ ווערט ווען זיי ווערן פאַרווירקלעכט מיט גוטע מעשים.

„לבבכם“ האָט נאָר דאַן אַ באַדייט ווען עס קומט נאָך דער „ועשיתם“.

* * *

## עלבונה של תורה

בכל יום ויום בת קול יוצאת מהר חורב ואומרת:
אוי להם לבריות מעלבונה תורה (אבות).

דער „חפץ חיים“ טייטשט דעם מאמר אַזוי אויס: — או להם לבריות — דער אוי בײַ די מענטשן. אַלע מאַטערנישן. צרות און יסורים פון די מענטשן זיינען צוליב דעם — עלבונה של תורה. — צוליב דעם פאַרשעמען די תורה.

# פאַרגעסן איז ערגער ווי צעשטערן.

„מוטב תפר תורה ואל תשתכח תורה" (חז"ל)

עס איז בעסער מען זאָל די תורה צעשטערן, איידער מען זאָל זי פאַר־געסן. פרעגט זיך: פאַרוואָס? דערויף ענטפערט דער „חפץ חיים": ווייל פון די צערשטערער דראָט דער תורה קיין סכנה נישט. אַלע גזירות און פאַרפאָל־גונגען וועלן די תורה ניט צעשטערן. יידן האָבן און וועלן אָפּהיטן די תורה ביי די ערגסטע באַדרינגונגען און שרעקלעכסטע פאַרפאָלגונגען. וואָס מער מען וועט די תורה שיקאַנירן אַלץ עקשנות דיקער וועלן זיך די יידן האַלטן אָן דער תורה. ערגער איז אָבער ווען מען באַמיט זיך צו מאַכן פאַרגעסן די תורה. ווען מען וויל די תורה איגנאָרירן. ווען מען וויל די תורה מאַכן פאַר נישט אַקטועל צו דער היינטיקער צייט. ווען מען וויל די תורה מאַכן פאַר אַ פּריוואַט זאַך און אַזוי־אַרום וויל מען איבעררייסן דעם אייביקן בונד פון „ישראל ואורייתא", די אייביקע גאָלדענע קייט צווישן דער תורה און די יידן. און דאָ דאַרף מען שטיין אויף דער וואַך.

# אמאָליקע און היינטיקע אפיקורסים.

„עת לעשות לד׳ הפרו תורתך (תהלים, קי"ט)

די אַמאָליקע אַפּיקורסים האָבן געפּרוּווט באַגרינדן זייער אַפּיקורסות מיט פאַרשיידענע מאָטיוון. מיט פאַרשיידענע פילאָזאָפישע אַרגומענטן האָבן זיי געפּרוּווט אָפּוועגדן די תורה.

דאַקעגן די היינטיקע פרייע פאַרוואָרפן די תורה אָן שום מאָטיוו, זיי פרוּוון ניט צו זוכן קיין אַרגומענטן פאַר זייער אַפּקורסות. זיי פרוּוון זיך באַ־פרייען פון דער תורה צוליב פּריוואַטע פאַרגעניגנס און באַקוועמלעכקייטן.

די גמרא אין נדרים מאַכט אַן אינטערשייד צווישן לשון־התרה און דעם אויסדרוק הפרה. התרה הייסט, ווען מען וויל מתיר מאַכן אַ זאַך דורך אַ באַגרינדעטן מאָטיוו. הפרה דאַקעגן הייסט, ווען מען צעשטערט אָן שום באַגרינדונג.

דאָס איז דער טייטש: עס איז היינט די צייט פון — לעשות לד׳; ווייל — הפרו תורתך, מען וויל צעשטערן די תורה אָן שום מאָטיוו. אָן שום גרונט.

* * *

„כאשר ירים משה את ידו
וגבר ישראל" (שמות, י"ז)

כאשר ירים משה את ידו. עס האָט דאָך געבראַכט שטיין — כאשר הרים משה — לשון עבר. פאַרוואָס שטייט—ירים - לשון עתיד? נאָר דאָס ווייזט, אַז דער קאַמף צווישן משה׳ן און עמלק׳ן גייט אָן אין יעדער צייט. דער קאָנ־פליקט צווישן די יידן און עמלקיזם האָט זיך אָנגעהויבן דאַמאָלס ווען די יידן זיינען אַרויס פון מצרים און אָנגעהויבן צו שטרעבן צו זעלבסטשטענדיקייט. ווען

זיי האָבן אָנגעהויבן זיך גרייטן צו קבלת התורה. עמלק האָט ריכטיק דערזען די סכּנה, וואָס דראָט זיין קולטור. און דער קאַמף ציט זיך כּסדר דורך דער גאַנצער געשיכטע ביז צו דעם היינטיקן טאָג. דער קאַמף צווישן יהדות און עמלקיזם וועט ווייטער אָנהאַלטן ביז עס וועט ווערן — ומלאה הארץ דעה.

„כאשר ירים משה ידו" — ווען יידן וועלן אויפהויבן דעם כּוח התורה דאַן — וגבר ישראל, און אויב חלילה פאַרקערט. יידן וועלן שוואַך ווערן אין דער תורה, וועלן אַוועקגיין פון זייער אייגנאַרטיקייט. יידן וועלן זיך אויסמישן מיט עמלק'ן, איבערנעמען עמלק'ס צעפוילטע מאָראַל און זיין גלויבן אין פיזישן כּוח. עס וועט זיי אָנהויבן געפעלן עמלק'ס קולטור, דאַן — וגבר עמלק — וועט עמלק דיך באַזיגן, ווייל עמלק וועט פיזיש זיין שטאַרקער, ווי דו. אונ־דזער כּוח ליגט נאָר אין גייסט און ניט אין דער פיזישער קראַפט.

* * *

„והנוגע בהר מות יומת" (שמות, י״ט)

אויב דער באַרג וואָס איז הייליק געוואָרן נאָר דערפאַר. ווייל מען האָט אויף אים געגעבן די תורה. איז יעדער עס רירט אים אָן פאַרדינט טויט־שטראָף. איז דאָך אַ קל־וחומר ביי אַ תלמיד־חכם, וואָס טראָגט די תורה אין זיך דאַרף מען באַשטימט דרך־ארץ האָבן פאַר אים. שעצן אים און ניט פוגע בכבוד זיין.

* * *

„כשור לעול וכחמור למשא"

די חז״ל זאָגן: לעולם ישים אדם עצמו על דברי דרכי תורה כשור לעול וכחמור למשא — אַ מענטש זאָל זיך גלייכן ביי דער תורה צו אַן אָקס וואָס גייט אין אַקער און צו אַן אייזל, וואָס שלעפּט די לאַסט.

פּונקט אַזוי ווי דער אָקס איז באַשאַפן צום אַקערן דאָס פעלד און דער אייזל איז באַשאַפן צו פירן די תבואה וואָס מען האָט אַראָפּגענומען פון פעלד, אַזוי אויך דער מענטש דאַרף אַדורכאַקערן די תורה און נאָכהער טראָגן דעם עול התורה ומצוות.

* * *

„ארץ ישראל בלי תורה כגוף בלי נשמה"

די תורה איז די נשמה פון יידישן פאָלק. ארץ־ישראל איז דער קערפּער פון יידישן פאָלק.

דעריבער זיינען זיי שטאַרק פאַרבונדן צווישן זיך. מען קען ניט מקיים זיין די תורה און ספּעציעל די מצוות, וואָס זיינען נוהג בארץ — אָן ארץ־ישראל. ארץ ישראל אָבער אָן תורה איז פּונקט ווי אַ קערפּער, וואָס מען נעמט פון אים אַוועק די נשמה.

## דער זייגער.

דער „חפץ חיים" פלעגט זאָגן: דער בעסטער מוסר ספר איז דער זייגער. קוקנדיק אויף דעם זייגער זעסטו ווי די צייט שטייט ניט. יעדע סעקונדע רוקט זיך צוזאַמען מיט דעם ווייזער. מיט יעדער מינוט ביסטו נענטער צום טויט און ווי קאָן מען זיצן ליידיק און ניט לערנען...

## בִּטָחוֹן.

איינמאָל איז צום „חפץ חיים“ געקומען אַ יונגערמאַן און זיך באַקלאָגט, דאָס ער האָט ניט קיין פּרנסה. דאָס לעבן איז מיר נמאס. איך האָב ניט וואָס צו לעבן — האָט ער זיך אויסגעדריקט.

רופט זיך דער „חפץ חיים“ אָן צו אים: וואָס הייסט דאָס אַז דו האָסט ניט וואָס צו לעבן? און צו וואָס צו שטאַרבן האָסטו יאָ?

—o—

# משלים און גוטע ווערטער

## דער משל און דער נמשל.

מ'האָט איינמאָל געפרעגט דעם „חפץ חיים“. פאַרוואָס ער זיצט אין אַזאַ קליין שטעטעל, — ער וואָלט דאָך געקענט אָננעמען אַ שיינעם רבנות־פּאָסטן אין אַ גרויסער שטאָט.

האָט ער געענטפערט: איך וועל אייך דערציילן אַ משל. צוויי שוועסטרן האָבן איין מאָל געהייראַט. איינע האָט גענומען אַ זייער רייכן מאַן און די צווייטע האָט גענומען אַן אָרימען מאַן. איינמאָל האָט די אָרימע שוועסטער באַזוכט די רייכע שוועסטער. זי האָט גאָרניט געקענט באַוווּנדערן דאָס רייכטום. זאָגט זי צו דער שוועסטער: כ'זע אַז דו ביסט רייך. האָסט אַזאַ גרויס פאַרמעגן מיט פּרעכטיקע פּאַלאַצן, נאָר איין זאַך פאַרשטיי איך ניט — פאַרוואָס זעסטו אַזוי שלעכט־אויס? האָט איר די שוועסטער געענטפערט: אמת, עס פעלט מיר גאָרנישט. כ'האָב פון אַלעם גוטן. מיין מאַן באַהאַנדלט מיך גאַנץ גוט. נאָר איין זאַך. מיין מאַן רעכנט זיך ניט מיט מיר און פרעגט ניט מיין מיינונג. ניט אין זיינע געזעלשאַפטלעכע אָנגעלעגנהייטן; און צומאָל ניט אין דער ווירטשאַפט.

דאַקעגן דו ביסט אָרעם. אָבער דיין מאַן רעכנט זיך מיט דיר און באַראָט זיך מיט דיר אין אַלע זיינע אַנגעלעגנהייטן. אַזוי. דאָס איך בין דיך מקנא. און יעצט דער נמשל:

אין דער גרויסער שטאָט בויט מען שיינע שולן. די ספרי תורות באַצירט מען מיט זילבער און גאָלד און מען שטעלט זיי אַריין אין אַ שיין ארון־קודש אָבער צוגלייך איז מען אין טאָג־טעגלעכן לעבן מבזה די תורה און מען פאַרשוואַכט אַלע הייליקייטן. דאַקעגן אין דער קליינער אָרימער קהלה. איז די תורה אָרים באַקליידט ווייניקער באַפּוצט. אָבער זי ווערט מער אָפּגעהיטן.

דעריבער איז מיר ליבער צו ווינען אין דעם קליינעם שטעטעלע ראַדון ווי אין דער גרויסער שטאָט.

## בעסער א מלמד איידער א רב.

אויף דער אסיפת הרבנים אין פעטערסבורג אין יאר תרס"ט איז אריינגעטראגן געווארן א פארשלאג, דאס יעדער רב אין זיין שטעטל זאל לערנען מיט די קינדער פון זיין שטאט. זיינען געווען רבנים וואס האבן געזען אין דעם פארשלאג א פחיתת הכבוד פאר דעם רב. האט דער „חפץ חיים" זיך אנגערופן: עס איז ניטא קיין שענערע באשעפטיקונג ווי צו זיין א מלמד. פאר דעם רב דארף דאס זיין א כבוד דאס ער קען לערנען תורה מיט יידישע קינדער און נים דארפן זיצן אוןווארטן, ביז מען וועט אים קומען פרעגן א שאלה אין דיני איסור והיתר.

## דער משל וועגן שבת

עס איז אמאל געווען א ווייין שענקער האט ער פארזעצט אין א פעסל וויין זעקס קראנען און דורך זיי האט ער געצאפט וויין. איינמאל זאגט צו אים זיין פרוי: דו קענסט דאך פארזעצן נאך איין קראן וועסטו האבן מעהר וויין? לאכט דער מאן: דורך דעם וואס איך וועל פארזעצן נאך א קראן וועט דען דאס פעסל ארויסגעבן מער וויין? עס וועט נאר שנעלער לערער ווערן.

דאס זעלבע איז אויך מיט דעם שבת.

עס זיינען דא מענטשן, וואס מיינען אויב זיי וועלן מחלל שבת זיין און ארבעטן דעם 7־טן טאג אויך, וועלן זיי מער פארדינען דורך די וואך דער אמת איז אבער אז מיטן ארבעטן שבת פארדינט ער נים מער, ווייל דאס גייט אראפ פון די אנדערע זעקס טעג. פונקט ווי ביי דעם פעסל וויין מיט דעם זיבעטן קראן.

—o—

# יידישער יוגנטלעכער!

צו דיר זיינען געווענדעט אונדזערע ווערטער. מיר זעען דיך אין דיין איינזאַמקייט, ווי דו שטייסט אַן אַנטוישטער נאָכן אַדורכמאַכן אַזויפיל צרות און ליידן. אַלע אויף וועלכע דו האָסט זיך פאַרלאָזן, האָבן דיך אָפּגענאַרט.

אַלע מאָדערנע עבודה זרה׳ס האָבן אונדז גאָרניט געהאָלפן.

דו ביסט געבליבן אַליין, אָן טאַטע־מאַמע. אָן נאָענטע. דו האָסט פאַרלוירן די וואַרעמע ליבע היים און איצט שטייסטו אויף פרשת דרכים און זוכסט אַ וועג.

אַלעס האָסטו פאַרלוירן. פאַרליר אָבער ניט דעם גלויבן. דעם בטחון אין גאָט. אין יידישן פאָלק. אָט דער גלויבן, וועלכער האָט געגעבן דעם יידישן פאָלק כוח און אויסדויער־קראַפט אין פאַרלויף פון טויזנטער יאָרן. אָט די אמונה וועלכע איז געקרעפטיקט געוואָרן דורות־לאַנג דורך בלוט און פייער און צוליב וועלכער אונדזערע עלטערן זיינען געגאַנגען אויף קידוש השם מיט דעם שמע ישראל אויף די ליפן.

וואָס איז דאַמאָלס זייער ניט־ארויסגעזאָגטע ציוואה געווען?

זאָלן די צווייגן. וועלכע וועלן פאַרבלייבן פון אונדזער שטאַם. קדיש זאָגן נאָך אונדז. זאָלן זיי זיין שטאָלצע זין פון יידישן ג־ט און יידישן פאָלק און זאָלן זיי גיין אויף די וועגן. וועלכע מיר האָבן פאַר זיי אויסגעטראָטן.

ברודער! גיב דיין האַנט. אויף דעם וועג וועלן מיר דיך פירן. אמת, דער וועג איז א שווערער, פול שטיינער און דערנער. דערפאַר אָבער אַ זיכערער און היילענדער.

שליס דיך אָן אין אונדזער מחנה. לאָמיר געמיינזאַם מאַרשירן.

מיר מוזן אַרויס פון דאַנען. ניט אין אייראָפּע איז אונדזער אָרט. דאָרט! וואַרט אויף אונדז אונדזער מאַמע ציון מיט אויסגעשטרעקטע אָרעמס און דאָרט ווילן מיר אונדזער צוקונפט בויען.

זיי זיך מכשיר דערצו!

פאַרברענג ניט די צייט אויף נאַרישקייטן, וואַרף אַוועק דעם עגל הזהב. האָב ניט קיין גלויבן אין געלט. דו אַליין האָסט זיך שוין איבערציינגט. אַז אין ביטערע מאָמענטן האָט עס דיר גאָרניט געקענט העלפן.

לערן זיך אַ פאַך און זיי אַ נוצליכער פּראָדוקטיווער זון פאַר דיין פאָלק און לאַנד.

לערן די לעבעדיקע שפּראַך פון א״י, די שפּראַך פון אונדזערע נביאים.

פאַרטיף דיך אין די גייסטיקע קולטורעלע אוצרות פון דיין אומה. אין זיי וועסטו אַ טרייסט געפינען.

אַלע האָבן אונדז, יידן, פיינט. לאָמיר זיך אַליין ליב האָבן, ווי די תורה לערנט אונדז.

זע אין יעדן ייד דיינם אַ ברודער. וואָס דו האָסט פאַרלוירן.

יידישער יוגנטלעכער!

קום לייג צו אַ האַנט און טראָג ציגל צום ווידער־אויפבוי פון אונדזער פאָלק און אונדזער לאַנד אין גייסט פון סאָציאַלן יושר פון אונדזער תורה.

**פועלי אַגודת ישראל.**

עס גרייט זיך צום דרוק דער צווייטער נומער. וועלכער וועט זיין געווידמעט דעם אָנדענק דער שעפערין פון דער בית יעקב און בנות־אגודת־ישראל באַוועגונג **פרוי שרה שענירער ע"ה**

מיר בעטן אַלע בית־יעקב־לערערינס. בנות־פירערינס און מדריכות פון די קבוצים „אוהל שרה" ווי אייך אַלע וועלכע באַזיצן מאַטעריאַל וועגן איר לעבן און שאַפן אונדז צוצושיקן אויף דעם אַדרעס פון פאַרלאַג.

אויך בעטן מיר אַלע רעליגיעזע שריפטשטעלער מיט אונדז זיך צו פאַרבינדן.

גלייכצייטיק בעטן מיר אַלע קבוצים כנפים און אַבאָנענטן אונדז איינצושיקן דעם באַטרעף פאַר דער ערשטער בראָשור. כדי אונדז צו דער־מעגלעכן די ווייטערדיקע אַרבעט. פאַרלאַג.

---

צוגעגרייט צום דרוק דורך יוסף ראָזענפעלד.

---

# תקון טעות:

| זייט | שורה | אַנשטאַט | דאַרף זיין |
|---|---|---|---|
| 9 | 5 | אין .אייך צוגעלאָפן | איז אויך צוגעלאָפן |
| 9 | 9 | | דאָס וואָרט געהאַט, איבריג. |
| 10 | 19 | וויכטיקסטע | וויכטיקייט |
| 10 | 28 | געענטפערם | געענטפערט |
| 11 | 33 | לחם | להם |
| 13 | 18 | | דאָס וואָרט דרכי, איבריג |
| 14 | 21 | גזוערשאַפטלעכע | געשעפטלעכע |
| 16 | 12 | ויינען | זיינען |
| 16 | 15 | שטאַט | שטאַם |

Book 1

# The

# „CHAFETZ-CHAIM" Z.C.L.

Copyright by

Merkaz Hakibucim „Poalej Agudath Israel" of Germany

Editor: Sz. Benisz

Adress of Administration: P. A. J. Kibutz „Chafetz Chaim", Landsberg

Published with approval of UNRRA.

געזעצט און געדרוקט דורכן פארלאג „לאנדסבערגער לאגער־צייטונג"

Printed by Landsberger Verlagsanstalt Martin Neumeyer, Landsberg am Lech